בס"ד

# אונזער הייליגער פליכט

# צו די הילולא קדישא

**מאמר השקפה**

פרשת ראה

שנת תשפ"ו לפ"ק

מיר שטייען יעצט ערב די 47'סטע הילולא קדישא פון מרן רביה"ק **אביר הרועים מסאטמאר זכותו יגן עלינו.**

מדי שנה בשנה, ווען עס דערנענטערט זיך דער טאג כ"ו מנחם אב, ערוועקט דאס חשבון הנפש און התבוננות אין די הערצער פון רבבות ערליכע אידן איבער דער גארער וועלט וואס ווילן זיין פארערכנט אלס תלמידיו, תלמידי תלמידיו, חסידיו והולכים בדרכיו, וואס פירן זיך אין זיינע וועגן, און גייען לויט זיינע הדרכות.

מטבע הדברים ברענגט דאס אויף א שטיקל התבוננות, מיט וואס און וויאזוי קען איך זיך פארערכענען אז איך האב א קשר צו דעם צדיק?!

בפרט וואס צווישן די צענדליגער טויזנטער אידן זענען דא א גרויסע צאל וואס האבן דעם צדיק שוין נישט געקענט און נישט געזען, און אלעס וואס זיי ווייסן איבער אים איז נאר מפי השמועה פון כלי ראשון און כלי שני, צומאל שוין כלי שלישי...

## דעם רבי'נס ירושה

דער אמת איז אבער אז די הייליגע ירושה פון דעם צדיק איז ווייט נישט באגרעניצט צו איין נקודה, און עס פאדערט נישט א באזונדערע עבודה זיך צו קאנצענטרירן אין די פרטים, וויבאלד די פעולות צדיק לחיים וואס דער הייליגער רבי' האט עוסק געווען איז געווען, זייער כלליות'דיג: **"אידישקייט".**

בעסער געזאגט: **"אויטענטישער אידישקייט".**

וצדיק באמונתו יחיה.

יעדער טאטע וואס זיצט ביי זיין שבת טיש און ער רעדט צו זיינע קינדער דיבורי אמונה, **אנכי ה' אלקיך**, די יסודות פון די י"ג עיקרים וואס מיר זענען מחויב צו גלייבן און וואס דאס מיינט אן

**"ביי די קומענדיגע בחירות זיצן מיר אינדערהיים! מיר גייען ארויסציילן אז מיר אנערקענען נישט די מדינה. מיר אנערקענען נישט די ממשלה, מיר אנערקענען נאר איין איינציגע מלכות אויף כלל ישראל, והיה ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד."**

**אין עוד מלבדו.**

ערליכער איד, האט ער אויטאמאטיש מיט דעם מוריש געווען ווייטער פאר זיינע קינדער דאס וואס דער רבי' האט כל ימיו זיך מוסר נפש געווען און געלערנט און גע'חזר'ט און געפילעוועט מיט זיין עדה קדושה.

יעדע חיזוק אין די ווערטער פון אונזערע הייליגע פריערדיגע צדיקים, יעדע התחזקות אין דברי חכמינו ז"ל, רבותינו ראשונים כמלאכים וכדומה, אט דאס איז געווען די עבודה פונעם הייליגן צדיק.

## וואס איז דעם רבי'נס נקודה?!

אויב עס מעג ארויסגעברענגט ווערן אויף אזא אופן.

כדי צו טון א ריכטיגע פעולה לעילוי נשמתו פון אונזער הייליגן רבי'ן, כדי מ'זאל שפירן אז מ'איז ממשיך דעם דרך פונעם רבי'ן, און מ'טוט פארזעצן דעם וועג וואס ער האט געלערנט מיט זיינע תלמידים, איז אין א געוויסן זין אסאך לייכטער ווי אין אנדערע חצרות הצדיקים.

ווייל - איבער אן אמת גערעדט - צו זיין א סאטמארער חסיד דארף מען נישט האבן קיין ספעציעלע לבוש, עילוי, נישט שבת און נישט אינדערוואכן.

אזוי אויך קען מען זיין א **'ריינער סאטמארער חסיד'** און נישט זיין צוגעבינדן צו קיין שום נוסח התפילה. מ'קען דאווענען אין סיי וועלכע סידור און מיט סיי וועלכע תנועה, און עס איז נישט קיין נפק"מ וועלכע ווערטער מ'זאגט יא אדער נישט ביים דאווענען.

דער רבי' האט בכלל נישט געהאט קיין פראבלעם אפילו אין 'קרית יואל' זאל זיין א בית המדרש וואס זאל דאווענען 'נוסח אשכנז'. ער האט דאס בכלל נישט אראפגעשטעלט אלס א יסוד אין זיין דרך הנהגה אז מ'זאל מוזן דאווענען דוקא 'נוסח ספרד'.

דער מציאות רעדט פאר זיך, אז פון אלע חצרות החסידים, ובני הישיבות כהיום הזה, איז דאס שווערסטע צו דערקענען א 'סאטמארער חסיד' לויט'ן אויסערליכן געשטעל. ווייל אין סאטמאר קען מען זעהן א געווייקטן כניאק מיט לאנגע ברייטע מלבושים, גרויסע בארד און פיאות, האנט ביי האנט מיט'ן אהערגעשטעלטן בעל הבית, וואס אלעס קלאפט ביי אים אויפ'ן זייגער, און ביידע זענען 'יושבים ראשונה במלכות'.

נאר וואס יא?!

יעדער איד וואס שטעלט די י"ג עיקרים, די עיקרי האמונה, אלס א יסוד, ער גלייבט אמת'דיג אין מציאות הבורא, אחדות הבורא. אין 'כל דברי נביאים אמת', אין שכר ועונש, אין 'זאת התורה לא תהא מוחלפת', און די אמת'דיגקייט פון אלע דברי נביאים, אלע דברי חכמינו ז"ל, אין שכר ועונש, אין ביאת המשיח, און אין תחיית המתים, ער ווערט נישט פארבלענדעט און משוחד צו וואס די ברייטע גאס פארקויפט, האט א 'פרייע פאס' זיך צו רופן אז ער איז "**א סאטמארער חסיד**".

**זיין אמת'ע, ערליכע, געבויטע אידן אויף די יסודות וואס מיר האבן מקבל געווען. נישט זיין קלוגער פון אונזערע עלטערן. נישט זוכן קיין חכמות. נישט קלערן אז מ'מעג זאגן 'נשתנו העתים'. און כהיום הזה פארשטייען מיר עפעס וואס אונזערע טאטעס און זיידעס האבן נישט פארשטאנען, נישט מאכן קיין חשבונות אז לפי המצב והזמן קענען מיר מחנך זיין אונזערע דורות מיט מעטאדן און עצות וואס אונזערע עלטערן, אונזערע פארצייטישע זיידעס און באבעס, האבן דערצו נישט פארשטאנען. דאס איז וואס דער רבי האט אונז געלערנט.**

ווייל דאס איז געווען וואס דער רבי האט גערעדט און פארלאנגט און געחזר'ט מיט זיין ציבור, אויף דעם האט ער מעורר געווען, דאס האט ער געפאדערט, און דאס האט ער אראפגעשטעלט לדורות עולם.

יעדער איד וואס ביי אים איז הייליג דער דרך אבותינו ורבותינו, וואס ביי אים איז קודש וואס אונזערע פריערדיגע צדיקים האבן געלערנט, און ער איז נישטא פאר קיין פשרות און פאר קיין שינויים אין אידישקייט - דאס רעכנט אריין ווי אזוי דארף אויסזען א אידישע שטוב, אלע אונזערע גדרים פון קדושה און צניעות - דער טוט אויטאמאטיש ממשיך זיין דעם דרך וואס דער רבי האט געלערנט און וואס דער רבי האט אראפגעשטעלט.

אויב שטייען מיר יעצט פאר די הילולא קדישא, און יעדער זוכט זיך אנצוכאפן אין עפעס, מ'וויל האבן א קשר מיט'ן רבי'ן, מיר ווילן עפעס טון א נחת רוח לזכרו הטהור, דארף מיר טון נאר דאס איינע: זיין אמת'ע, ערליכע, געבויטע אידן אויף די יסודות וואס מיר האבן מקבל געווען נישט זיין קלוגער פון אונזערע עלטערן. נישט זוכן קיין חכמות. נישט קלערן אז מ'מעג זאגן '**נשתנו העתים**'. אז כהיום הזה פארשטייען מיר עפעס וואס אונזערע טאטעס און זיידעס האבן נישט פארשטאנען, נישט מאכן קיין חשבונות אז לפי המצב והזמן קענען מיר מחנך זיין אונזערע דורות מיט מעטאדן און עצות וואס אונזערע עלטערן, אונזערע פארצייטישע זיידעס און באבעס, האבן דערצו נישט פארשטאנען. דאס איז וואס דער רבי האט אונז געלערנט.

## דעם רבי'נס מלחמה קעגן ציונות

אוודאי, די גאנצע וועלט ווייסט צו זאגן פונעם סאטמארער רב, צוליב זיין פשרה'לאזע אומבויגזאמע מלחמה לה' בעמלק הציוני. אבל לו חכמו ישכילו, אז די גאנצע מלחמה קעגן ציונות, דאס גאנצע מציאות וואס דער **סאטמאר רב** זלה"ה איז ארויסגעקומען פאר די וועלט מיט זיין אייגנארטיגקייט אז ער איז דער לוחם קעגן ציונות, איז דער שורש דערפון געווען אז ער האט לוחם געווען פאר די ריינע אמונה, און פאר דאס אנהאלטן די ריכטיגע מסורת האבות.

ער איז פילפאכיג מער געווען 'בְּעַד' ווי 'נֶגֶד', א געטריי קינד כביכול, צום רבש"ע, א ליב קינד וואס שלאגט זיך פאר'ן טאטנ'ס כבוד, האט ער נישט געהאט קיין מנוחה צו זען ווי משנאי ה' נשאו ראש, די ארגסטע מחרפים ומגדפים, די ביליגסטע מסיתים ומדיחים, פארכאפן דעם שם 'ישראל', בו בזמן ווען זיי טרעטן און רייסן אויס כל התורה כולה, שמד'ן אפ אידישע קינדער.

ער האט נישט געקענט צוקוקן ווי די כופרים ופושעים טרעטן בשאט נפש אויף די הארבע "**העברה על השבועות**", יסודות וואס זענען אלעמאל געווען א דבר פשוט וברור ביי גאנץ כלל ישראל, אז מ'טאר נישט דוחה זיין את הקץ, אז מ'טאר נישט זיין קיין מתגרה באומות, אא"וו, און דא קומען די רשעים, זיי באזעצן זיך אויפ'ן שטח פון ארץ ישראל, און זיי רופן זיך גאר 'מדינת ישראל'.

און דאס ארגסטע און דאס ווייטאגליכסטע פון אלעם איז געווען אז זיי האבן ליידער מיטגענומען א שיין פראצענט פון יהודים חרדים. אידן, שומרי תורה ומצוות, מיט רבי'ס, מנהיגים, ראשי ישיבות, תלמידי חכמים, יראי ה', אלע איינגעשפאנט צו די מרכבה הטמאה צו דינען די מדינה הציונית, זיין אין איר אנגעשלאסן, געניסן פון אירע בענעפיטן, און העלפן דעם אויפבוי פון די טומאה וואס איז געשטעלט געווארן נגד ה' ונגד משיחו.

על זה בכה רבי.

אויף דעם האט דער רבי געוויינט אלע יארן, אויף דעם האט ער זיך געשלאגן. זיין גאנצע מלחמה איז געקומען נישט מחמת זיך שלאגן 'קעגן', און נישט מחמת א שנאה קעגן עמיצן, נאר מחמת אן אהבה פאר'ן כבוד פון קודשא בריך הוא ושכינתי'.

## דער צווייטער באלון האט געפלאצט

מעגליך, כהיום הזה ווען מיר שטייען בעפאר די 47'סטע יארצייט פון רבי'ן, קענען מיר זיך מקבל זיין א קבלה טובה, וואס דאס דארף געטון ווערן מיט אסאך ישוב הדעת.

מיר שטייען היינט ביי א מצב וואס איז נאך נישט געווען זינט ה' אייר תש"ח, אכט און זיבעציג יאר צוריק.

דער בלאף פון ציונות איז בעצם שוין לאנג גלוי לעיני השמש. דער בלאף וואס מ'האט געפירט שולל רבבות אלפי ישראל במשך די אלע יארן; כאילו די טמא'נע מדינה וועט זיין א 'לעזונג' צו אלע פראבלעמען פון כלל ישראל. דער 'באבל' האט שוין לאנג געפלאצט.

אצינד איז געקומען די רייע אויפ'ן צווייטן בלאף. דער בלאף וואס די ערשטע מנהיגים פון די אגודה האבן גענומען ערליכע תמימות'דיגע אידן און זיי מקשר געווען צו די מרכבה הטמאה, מיט א תירוץ אז מיר וועלן זיין 'אינעוויייניג' וועט זיין א מדינה על פי תורה; מיר וועלן זיין 'אינעוויייניג' וועלן מיר קענען העלפן אויפבויען די תורה מיט די ישיבות און ברענגען געלט; אז מיר וועלן זיין אן עצם העצמי פון די ממשלה הטמאה, וועלן מיר קענען העלפן אז די מדינה זאל זיך פירן מער און מער לטובת פרומע אידן.

שווערע מערכות, שווערע מלחמות האט זיך געפירט במשך די אלע יארן. עס זענען געווען עליות און עס זענען געווען ירידות.

טראץ דעם וואס 'זאת התורה לא תהא מוחלפת', און אפגעזען דעם פאליטישן מצב הנראה לעינים, אויב די תורה לאזט זיך נישט מחבר זיין צו רשעים, און אויב טאר מען נישט זיין קיין מודה בעבודה זרה, איז נישטא קיין שום נפק"מ וואס די מציאות איז געווען.

אן ערליכער איד האט געוואוסט קלאר **"מען טאר נישט גיין צו די בחירות הטמאות, מען טאר נישט זיין קיין חבר אין כנסת המינים, און מען טאר נישט מחזק זיין קיין עבודה זרה בשום פנים ואופן, אפגערעדט וואס די תועלת דערפון איז, ווייל אין די תורה און אין שולחן ערוך איז נישטא קיין שום פשרות אין די הלכות עבודה זרה, און עס איז נישט אויפגעשטאנען קיינער מברר צו זיין אנדערש".**

אבער פאר סמיות עינים און פאר אויגן-פארבלענדעניש, און פאר גרויסע קעפלעך אין די צייטונגען און פראפאגאנדע, איז דאס געווען גענוג און נאך צו פיטערן קעלבלעך במשך אסאך יארן.

אבער כהיום הזה האט זיך דאס אלעס געענדיגט.

## אויסגעשפילט און אפגעלאכט

דער שרץ טמא, גרף של רעי, ביבי נתניהו, זאגט פאר די חרדי'שע פארטייען טאג איין טאג אויס אז "עס קומט א גוטער חוק, מען גייט זיך אן עצה געבן מיט גיוס", און צום וויפלטן מאל האט מען געשלעפט טויזנטער אידן צו בחירות ווייל 'אט אט קומט עס'...

כהיום הזה, דער דורכפאל איז נראה לעינים. די חברי כנסת המינים קענען גארנישט דעליווערן. מ'האלט שוין נאך אלע שפיצלעך, אלע שטיקלעך, אלע דריידלעך.

די לעצטע רגע זעענדיג דעם בראך פאר די אויגן זענען זיי געקומען ווידער צו לויפן, מ'גייט מאכן א 'חוק להקפאת המעצרים', איינצופירן די ארעסטן, דאס גייט מען אויפטון, כאטש אויף אפאר חדשים.

**אצינד איז געקומען די רייע אויפ'ן צווייטן בלאף. דער בלאף וואס די ערשטע מנהיגים פון די אגודה האבן גענומען ערליכע תמימות'דיגע אידן און זיי מקשר געווען צו די מרכבה הטמאה, מיט א תירוץ אז מיר וועלן זיין 'אינעוויייניג' וועט זיין א מדינה על פי תורה; מיר וועלן זיין 'אינעוויייניג' וועלן מיר קענען העלפן אויפבויען די תורה מיט די ישיבות און ברענגען געלט; אז מיר וועלן זיין אן עצם העצמי פון די ממשלה הטמאה, וועלן מיר קענען העלפן אז די מדינה זאל זיך פירן מער און מער לטובת פרומע אידן.**

דאס איז אויך דורכגעפאלן רגע כמימרא. עס האט גארנישט געהאלפן מער ווי רייצן דעם בער פון וואלד, און דער בג"ץ האט עס אפגעשטעלט.

ניין, דער ראש ממשלת הכופרים קען אויך גארנישט העלפן.

הערט א טשיקאווע מעשה.

מאיר פרוש האט פארזיכערט פאר איינעם פון זיינע ווילער אז ער גייט אים העלפן אין זיין פראבלעם, ווען זיין זון איז געווען פארפלאנטערט מיט'ן מיליטער. די 'הילף' האט זיך געענדיגט ביי איין זאך: ער האט אים געגעבן דעם טעלעפאן נומבער פון רבי שמעון שישא שליט"א, דער 'ראש המצילים' פון 'מרכז עזרה ויעוץ'...

און וואונדער איבער וואונדער, דער בחור איז געהאלפן געווארן!

מיר קוקן מיט וואונדער, פארדעם דארפן מיר גיין צו בחירות?! פארדעם דארפן מיר האבן מאיר פרוש אינעווייניג?! צו באקומען דעם טעלעפאן נומבער פון מרכז עזרה ויעוץ?

אבער דאס איז דער מציאות אז די חברי כנסת המינים זענען גארנישט מער ווערד ווי לצור על פי צלוחיתו.

זיי קענען נישט דעליווערן גארנישט, זיי קענען נישט העלפן גארנישט. מ'שניידט אפילו גרויסע געלטער פון די מוסדות, זיי קענען אפילו דאס אויך גארנישט העלפן.

עס איז אזוי אפן נראה לעינים, אפילו מיט אלע תירוצים פון 'עבירה לשמה', בדיעבד, כאילו כפאו שד וכו'. ווייסט היינט קינד און קייט אז מ'טוט אויף גארנישט, און נאכאמאל גארנישט, און נאכאמאל גארנישט.

מיר קוקן מיט וואונדער, פארדעם דארפן מיר גיין צו בחירות?! פארדעם דארפן מיר האבן מאיר פרוש אינעווייניג?! צו באקומען דעם טעלעפאן נומבער פון מרכז עזרה ויעוץ?!...

אויב איז יעצט געקומען א מצב ווען מ'רופט נאכאמאל בחירות, מוז ארויסקומען א געוואלדיגע התעוררות, לפקוח עיני העוורים במחנה העברים, מ'גייט נישט צו קיין בחירות! אן ערליכער איד, א שומר תורה ומצוות, מאכט א הבדלה פון די גאנצע מדינה. איני מכיר בכם ובהמונכם, מיר קענען אייך נישט, און מיר ווילן אייך נישט קענען.

מיט דעם אלעם האט זיך שוין אנגעהויבן דער ריזיגער גוט-געשמירטער פראפאגאנדע מאשין פון די חרדי'שע פארטייען איינצושלעפן די שעפעלעך און ארויסצושלעפן די תמימות'דיגע מאסן ווייטער אנטיילצונעמען אין די בחירות הטמאות.

זיי ברעכן זיך נאך קאפ וואס זיי גייען דאסמאל פארקויפן. זיי פרובירן צו פארקויפן דמיונות אז 'מען וועט נישט גיין מיט ביבי', 'מען וועט טרעפן אנדערע שותפים', אינדערצייט וואס זיי ווייסן זייער גוט אז אינעם יעצטיגן קלימאט וועלן זיי נישט באוויזן דורכצופירן אפילו זייער שענדליכן פשרות'פולן חוק הגיוס – און אפילו אויף די מינימאלע שאנס אז יא, וועט עס דער בג"ץ תיכף אנולירן.

אבער פאר גוט געלט וועט מען שוין עפעס איינבאקן פאר די קעלבלעך.

## מיר גייען נישט צו קיין בחירות!

אויב איז יעצט געקומען א מצב ווען מ'רופט נאכאמאל בחירות, מוז ארויסקומען א געוואלדיגע התעוררות, לפקוח עיני העוורים במחנה העברים, מ'גייט נישט צו קיין בחירות! אן ערליכער איד, א שומר תורה ומצוות, מאכט א הבדלה פון די גאנצע מדינה. איני מכיר בכם ובהמונכם, מיר קענען אייך נישט און מיר ווילן אייך נישט קענען.

ס'איז א גוואינטשענע ערשיינונג אז מ'זעט ביי גרויסע קרייזן, בפרט ביי עטליכע חסיד'ישע הויפן, א שטיקל אויפוואכונג, מ'הייבט זיך אן אויפוועקן פון שלאף און אנערקענען אז די רשעי הציונים זענען דא אך ורק אונטערצוברעגנען דאס חרדי'שע אידנטום, און וועלן נוצן דעם כח פון א רעגירונג און מדינה דערפאר.

מ'זעט שוין טאקע פראטעסטן; מ'הערט שוין טאקע זינגען "**בשלטון הכופרים אין אנו מאמינים**"; מ'הערט שוין אביסל נייע זמירות דא און דארט; מ'פרעגט אפן איבער די גאנצע השתתפות אינעם כנסת המינים, אז ס'ברענגט מער שאדן.

אבער, בזאת תבחנו. סתם רעדן קען יעדער, אויב איז דער מציאות **בשלטון הכופרים איננו מכירים**, איז דאס אממערסטנס נוגע ביי די שטים-בודקעס! אויב זיי אנערקענען שוין אז די מדינה הטמאה איז אן אבן נגף לבית ישראל, איז העכסט צייט זיי זאלן זיך אויפוועקן און אנערקענען דעם שרעקליך-הארבן איסור פון אנטיילנעמען אין די בחירות הטמאות, און דערמיט העלפן אויפשטעלן און אנהאלטן דעם גרעסטן ניאוץ וכפירה במלכות שמים וואס די וועלט האט נאר אמאל געזען, ווי דער סאטמארער רבי זי"ע איז אזוי קלאר מבאר אין ספה"ק **ויואל משה**.

אויב ביז היינט האבן זיי געהאלטן אנדערש, ווייל פאר אכציג יאר צוריק האבן זייערע רבי'ס געקלערט אז פון דעם וועט ארויסקומען א תועלת, איז דאך היינט קלאר כשמש בצהרים אז זיי דעליווערן גארנישט, און אויב יא איז דאס נאר חורבן, איז דאס נאר דאס פארקערטע.

דער חובת השעה לעילוי נשמת דעם בעל הילולא, דער סאטמארער רבי, איז אז עס זאל ארויסקומען א קלארע כח הסברה וואס זאל ארבעטן און איבערוויזן און איבערצייגן קלאר לעיני השמש פאר אלע רבבות אידן וואס היטן שבת, ליינען קריאת שמע און טוען אן תפילין:

"ביי די קומענדיגע בחירות זיצן מיר אינדערהיים! מיר גייען ארויסצייגן אז מיר אנערקענען נישט די מדינה. מיר אנערקענען נישט די ממשלה, מיר אנערקענען נאר איין איינציגע מלכות אויף כלל ישראל, **והיה ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד**."

אין עוד מלבדו.

דאס איז די גרעסטע און הייליגסטע און חשוב'סטע פעולה וואס קען געטון ווערן לעילוי נשמתו פון אונזער הייליגן רבי'ן.